בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ

# אַ מַעֲשֶׂה פַאר'ן שַׁבָּת טִישׁ

דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא

מֶען זוּכְט אַהֶער, מֶען זוּכְט אַהִין, מֶען טְרֶעפְט אִים נִישְׁט...

מֶען גֵייט פוּן אֵיין שְׁטוּב צוּם צְוֵוייטְן, 'וואוּ אִיז עֶר? וואוּ אִיז רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע?' דִי גַאנְצֶע שׁוּל וַוארְט מֶען זָאל שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן דַאוֶוענֶען, אָבֶּער דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אִיז נִישְׁט צוּם גֶעפִינֶען, עֶר הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן, עֶר ווִיל נִישְׁט זַיין דִי יָאר דֶער בַּעַל תְּפִלָּה.

דִי תַּלְמִידִים זָאגְן: "אֶפְשָׁר קֶען מֶען צוּשִׁיקְן אַ צְוֵוייטְן צוּם עַמּוּד?" מִיר ווֶעלְן פְרֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן: "רֶבִּי, מִיר טְרֶעפְן נִישְׁט דֶעם רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע, אֶפְשָׁר קֶען מֶען צוּשִׁיקְן אַ צְוֵוייטְן צוּם עַמּוּד?" דֶער רֶבִּי זָאגְט: "נֵיין, מֶען ווֶעט נִישְׁט דַאוֶוענֶען בִּיז מֶען ווֶעט אוֹיפְזוּכְן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע".

דִי תַּלְמִידִים הָאבְן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט זוּכְן דֶעם רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע, בִּיז מֶען הָאט אִים גֶעטְרָאפְן אוּן גֶעבְּרֶענְגְט צוּם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי ר' מֶענְדֶעלֶע הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין בְּרֵירָה, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עַמּוּד.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער מִיר הָאבְן נִישְׁט קֵיין הַשָּׂגָה אִין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִּיקִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים. אֵיינֶע פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע מְרִימְנוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

נָאכְן דַאוֶונֶען הָאבְּן אַלֶע זַייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט דֶעם רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע עֶר זָאל זָאגְן פַּארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט צוּגֵיין צוּם עָמוּד. הָאט עֶר גֶעזָאגְט, עֶר הָאט מְקוּבָּל אַז וֶוער עֶס וֶוערְט אוֹיסְדֶערְוֶועלְט צוּ זַיין בַּעַל תְּפִלָּה אִין דִי יָמִים נוֹרָאִים - מוּז לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב אוּן וַוייטֶער - גְמָרָא, ״דִי יָאר אִיז מִיר גֶעוֶוען זַייעֶר שְׁוֶוער דִי וֶועג פוּן מַיין שְׁטָאט פְּרִיסְטִיק בִּיז לִיזֶענְסְק, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעלֶערְנְט יֶעדְן טָאג גְמָרָא, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ מִיךְ בַּאהַאלְטְן, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט ׳אִיךְ בִּין נִישְׁט וֶוערְד צוּ זַיין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה׳, בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעהֵייסְן, הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט פָּאלְגְן״.



טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִיקִים, ווִי זֵיי לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, זֵיי גְרֵייטְן זִיךְ אָן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע טֶעג מִיט לֶערְנֶען גְמָרָא, אוּן מִיר קִינְדֶער גֵייעֶן אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען אַסַאךְ גְמָרָא, אַזוֹי וֶועלְן מִיר אוֹיךְ וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

**נלקח מתוך הספר ״עצתו אמונה״**

צוּ הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א, רוּפְט קוֹל בְּרֶסְלֶב:

א״י: 07970-400-66

ארה״ב: 212-444-9191, 1-5-2-1